LIDELEKH

Leib Kvitko

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG



MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center



The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

ינדער

ז ... טע ביכעלע

ל. קוויטקא

לידעלעך

פארלאג „קולטור-ליגע" ווארשע

אויפן הענטעלע

[illegible], [illegible], [illegible], —
[illegible], הענדעלע,
קאכי אין א פענדעלע,
קאשעלע [illegible] [illegible],
גיבן א [illegible],
[illegible] [illegible] [illegible] —
גיבן דעם,
גיבן דעם,
גיבן דעם,
גיבן דעם,
גיבן אלע זיי —
און דעם —
דאָס קעפעלע אַ דריי!

זשוק, זשוק

איז געפלויגן זשוק, זשוק,
און אין וואַסער: — פוק! פוק! —
קומט זיין מאַמע אָנצופליִען
אים פון טייך אַרויסצוציִען:
— גיכער, גיכער, זשוקל מיינס,
גיב דאָס רעכטע הענטל דיינס!

א פּעלצעלע

קומט דאָס הינטעלע פֿאַרנאַכט.
— הינטל, הינטל, וואָס געבראַכט?
— אָט, אַ פּעלצעלע פֿאַר מיר!
— גיב עס, הינטעלע, מיר פריר,
ס'איז אַ קאַלטער ווינט,
כ'וויל עס אָנטאָן דעם קינד.

מייזעלעך

טאַנצן, טאַנצן מייזעלעך,
אין דער באָבעס הייזעלע,
און זיי זינגען: — פּסי, פּסי, פּסי —
ס'איז די באָבע נישטאָ הי.
וואָס־זשע קומט דערפון אַרויס? —
באָבעס ברויטל גריזען אויס.

אין שעפּל מילך

אײ װײ —

אַ געשרײ.

— װאָס־זשע איז דאָרט אַזאַ הילך?

— קאַץ אַרײַן אין שעפּל מילך!

— װער־זשע באָדט זי דאָרטן אױס?

— איציק־מיציק־מױז!

— װער־זשע נעמט זי דאָרט אַרױס?

— שײקע־בײקע שנעק!

קום אַרױסגעשלעפּט בײַם עק!

— װוּ־זשע זײַנען זײ אַװעק?

— צו דער מאַמען!

צו דער מאַמען!

צוואגן

אויסגעשפּאַנט פון וואָגן,
קום זיך, לאָשעקל, צוואָגן.
ערגעץ וואַקסן ניסעלעך —
שטעל אַריין די פיסעלעך,
און די גרויסע עפּל —
בויג אַראָפּ דאָס קעפּל,
שטאַרק די אייגעלעך פאַרמאַך; —
פּליעסק־פּליעסק־פּליעסק. —
ווי זיי וואַקס דאָרט אַ סך !ן

דאס אייעלע

איז געווען אַ באַבעטשע
מיט הינדעלע אַ ראבעטשע. —
ס'הינדעלע געלייגט אַן איי,
אַ ווייס ווי שניי;
האָט די באַבעטשע ס'געלייגט אויפן קישעלע —
איז געקומען דאָס מייזעלע —
אַ דריי מיטן עקעלע,

א קער מיטן פיסעלע,
און פוק! —
צעבראָכן דאָס איי. —
די באַבעטשע וויינט,
דער זיידע כליפעט,
דער טויער סקריפעט,
און די הוז גייט אַרום און שרייט:
קוד־קו־דא! קוד־קו־דא!

מיין קעמערל

טיק־טאַק העמערל, —
מאַך איך מיר אַ קעמערל, —
ווענטלעך פון אַ בלעכעלע,
פון פאַפיר אַ דעכעלע,
טירן, פענסטער טשערבענע,
לאָדנס — בלעטער ווערבענע,

זינג איך מיר אַ זמֶרל —
און שוין גרייט דאָס קעמערל.

ווע̇מען לאָז איך ווו̇ינען דאָ? —
ניט דעם הונט און ניט דעם „באָ",
ניט דעם בער און ניט דעם פערד —
זיינען אַלע דאָס ניט ווערט. —
נאָר אַ באָקל האָב איך דאָ,
אָ, דעם באָקל דווקא יאָ.

מירן שפּילן

הינדעלעך,
פּינדעלעך,
כ'האָב אַ שטוב געמאַכט! —
ראַשקע האָט געבראַכט מיר שפּענדלעך,
באַשקע ביינדלעך,
און צאַליאַשקע שטעקלעך אַכט —
הינדעלעך,
פּינדעלעך, —
כ'האָב אַ שטוב געמאַכט.

איך וועל זיין דער טאַטעשי,
ראַשקעלע די מאַמעשי,
באַשקע, צאַליאַשקע — קינדערלעך
אָט אַזוי, —
איר וועט קריכן אויפן בוידעם
פּיפּסען אין דער שטרוי: —
פּיפּס! פּיפּס! פּיפּס!

מַזל-טוב

מַזל-טוב דיר, סעדעלע,
דיר, עפּל-בּוים, דיר דאָרן!
טאָכטער דיינע, מאַנכעלע, —
אַ גרויסע שוין געוואָרן.

נעכטן, ערשט, דיין מאַנכעלע,
אין גרינעם כ׳האָב געלאָזן, —
איצטער שוין דיין טעכטערל
אין זיידן-קלייד, אין ראָזן.

שיינט פון קאַפּטן פעלדעלעך
אַרויס איר גרינינק קעפּל —
גריסט זיך מיר דאָס באַרעלע
און גריסט זיך מיר דער עפּל.

נעכטן ערשט אַ גרינינקע,
אַ כּלה שוין אַצינדער. —
סעדל, אַזאַ נחת דיר,
און אַלע דיינע קינדער!